בס"ד

# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קלה**

**פרשת משפטים**

בענין

**שיטתו הפליאה של החינוך שרוצח מיתתו בחנק ולא כמבואר במשנה בגמרא שמיתתו בהרג**

**מַכֵּה אִישׁ וָמֵת מוֹת יוּמָת:** (שמות כא, יב)

### שיטת החינוך שההורג אדם מיתתו בחנק

דער **ספר החינוך** איז מאריך אין דער מצוה פון **'מכה איש ומת מות יומת'**, און ער שרייבט אזוי: **מצוה מז - מצות בית דין להרוג בחנק המחויב** - די זיבן און פערציג'סטע מצוה איז, אז בית דין איז מחויב צו הרג'נען מיט די מיתה פון חנק, ווען איינער איז עובר אן עבירה וואס מיתתו איז במחנק. און די חינוך איז מבאר: **שנצטוינו להמית העוברים על קצת מצות שבתורה בחנק** - דער אייבישטער האט באפוילן אז בית דין זאל הרג'נען מיט מיתת חנק, די מענטשן וואס זענען מחויב חנק, **שנאמר** (שמות כא, יב) **מַכֵּה אִישׁ וָמֵת מוֹת יוּמָת, וזו** - און דער עבירה פון 'מכה איש' **אחת מהן** - איז איינער פון די עבירות: **שמיתתן בחנק, שהרי כתוב בו מות יומת, ובפירוש אמרו זכרונם לברכה** (סנהדרין דף נב, ב) **כל מיתה האמורה בתורה סתם אינה אלא חנק** - וויבאלד אין די תורה שטייט סתם 'מות יומת', און די גמרא זאגט אין מסכת סנהדרין אז ווי עס שטייט אין די תורה סתם די לשון פון 'מיתה', איז די כוונה למיתת חנק, וועגן דעם אויב איינער הרג'עט א צעווייטער מענטש, איז עונש אויף דעם אז מיתתו בחנק.

און די חינוך שרייבט ווייטער, און איז מבאר די טעם פון די עונש פון חנק: **שורש מצוה זו, נגלה לכל, כי מלך במשפט יעמיד ארץ, שאלולי יראת המשפט יהרגו בני אדם זה את זה, על כן ציונו האל ברוך הוא להמית הרוצח** - פירוש: די אייבישטער האט מייסד געווען די וועלט אז אלעס זאל זיך פיהרן 'במשפט', און אויב מען וואלט נישט געגעבן קיין עונש פון מיתה פאר די רוצח, וואלטן מענטשן זיך גע'הרג'ט איינער דעם אנדערן, אבער יעצט אז די רוצח באקומט די עונש פון מיתה, וועט זיין סדר אויף די וועלט.

און די חינוך גייט ווייטער און איז מסביר, פארוואס די רוצח באקומט דוקא די מיתה פון חנק, וזה לשונו: **ובחכמתו ברוך הוא ראה שראוי לענוש אותו במיתת חנק, והדבר נאות גם לדעתנו אנו, כי כאשר עשה כן יעשה לו, והרוצח כונתו להמית הנרצח במהרה כי מפחדו אליו ימהר מיתתו בכל כוחו, וכמו כן הקלה התורה במשפטו להמיתו בחנק שהיא מיתה ממהרת, ולא בשריפה וסקילה שהן בצער רב** - פירוש: דער אייבישטער האט דוקא געהייסן געבן די מיתה פון 'חנק' פאר די רוצח, וויבאלד, די מיתה פון די רוצח איז די שנעלסטע מיתה וואס איז דא, מה שאין כן די מיתה פון סקילה אדער שריפה וואס געדאֶרט לענגער, און וויבאלד די סדר פון א רוצח איז אז ער הרג'עט שנעל דעם נרצח, ווייל די רוצח האט דאך מורא אז מען גייט אים כאפן, וועגן באקומט ער אלץ זיין עונש אויך אזא סארט מיתה וואס געשעהט שנעל, און דעס איז די מיתה פון 'חנק. עד כאן דברי החינוך.

### תמוה עצומה מהמשנה למלך על דברי החינוך

דער רבן של ישראל דער בעל **מנחת חינוך** ברעגנט אראפ זייער א שטארקע קשיא אויף די חינוך, פון די **משנה למלך**, אין זיינע הגהות אויפ'ן חינוך, וזה לשון המנחת חינוך: **דברים אלו תמוהים, כמו שכתב בהגהת משנה למלך כאן, דהאמת הוא דרוצח מיתתו בסייף, כמו שמבואר בסנהדרין עו, ב, ור"מ פרק א מרוצח ושמירת הנפש הלכה א** - פירוש: דער חינוך שרייבט מיט א פשטות אז דער מיתה פון א רוצח איז די מיתה פון 'חנק', אבער אין גמרא אין מסכת סנהדרין איז מבואר להדיא אז דער מיתה פון א רוצח איז מיתת סייף, אזוי ווי

עס שטייט דארט (עו, ב): **ואלו הנהרגין** - דהיינו, די משנה דארט רעכנט אויס אויף ווועלכע עבירות מען באקומט די מיתה פון 'הרג' וואס דעס איז מיתת 'סייף', און די ערשטע פון די רשימה איז **'הרוצח'** - זעהט מען קלאר אז די מיתה פון א רוצח איז די מיתה פון 'סייף' און נישט 'חנק'!?.

ולא עוד אין מסכת סנהדרין אין דף נב, ב שרייבט די גמרא די מקור אז רוצח באקומט די מיתה פון חנק, שטייט דארט אזוי: **רוצח מנלן** - ווי איז די מקור אז א רצח באקומט די מיתה פון 'חנק'? זאגט די גמרא: **דתניא** עס שטייט אין פסוק (שמות כא, כ): **וְכִי יַכֶּה אִישׁ אֶת עַבְדּוֹ אוֹ אֶת אֲמָתוֹ בַּשֵּׁבֶט וּמֵת תַּחַת יָדוֹ "נָקֹם יִנָּקֵם", 'נקימה' זו איני יודע מה היא, כשהוא אומר** (ויקרא כו, כה) **וְהֵבֵאתִי עֲלֵיכֶם חֶרֶב נֹקֶמֶת נְקַם בְּרִית, הוי אומר 'נקימה' זו סייף** - פירוש: די גמרא לערנט ארויס אז ביי אינז אין די פרשה שטייט, אויב איינער הרג'ט זיין עבד, איז דער דין אז 'נקם ינקם', און מען לערנט ארויס פון דעם וואס שטייט אין פרשת בחקתי ביי די תוכחה, אז 'נקמה' איז דארך א סייף, לערנט מען פון דעם ארויס, אז מיתתו של רוצח איז בסייף.

און אזוי אויך פסק'נט די **רמב"ם** אין הלכות רוצח ושמירת הנפש (פרק א הלכה א), וזה לשונו: **כל הורג נפש אדם מישראל עובר בלא תעשה שנאמר לא תרצח, ואם רצח בזדון בפני עדים מיתתו בסייף שנאמר נקם ינקם, מפי השמועה למדו שזו מיתת סייף.**

און נאך מער פון דעם שרייבן די אחרונים, אז די חינוך אליינס אין מצוה לד, ביי די לא תעשה פון לא תרצח, שרייבט קלאר אז די מיתה פון א רוצח איז 'סייף', וכלשונו: ועובר עליה ורצח, במזיד ויש עדים שהתרו בו, הורגין אותו בסייף! איז מכח כל אלה שרייבט די מנחת חינוך, אז די ווערטער פון די חינוך אז א רוצח באקומט די מיתה פון חנק איז תמיה מאוד!

ווען דעם קומט די מנחת חינוך און שרייבט: **ובודאי טעות המעתיק הוא!** - פירוש: די מנחת חינוך שרייבט, אז עס קען נישט זיין אז די חינוך האט געשריבן אז א רוצח באקומט די מיתה פון חנק, נאר מען מיז זאגן אז דער 'מעתיק' האט געמאכט א טעות אין די ווערטער פון די חינוך, און בטעות געשריבן חנק אנשטאט סייף.

### מהלכו של המהר"ם שיק לתרץ את קושית המנחת חינוך

די גרויסע גאון וקדוש די **מהר"ם שיק** (מצוה מז), ברענגט אראפ די קשיא פון די משנה למלך, און ער שרייבט א תירוץ, און ער איז מקדים: **'ולחומר הנושא אמרתי ליישב קצת דברי החינוך'**. און ער שרייבט אזוי: **על פי מה שכתבו התוספות במכות דף ב** (ע"א) **ד"ה כל הזוממים, דכל חייבי מיתות בית דין פשיטא דאם אינו יכול להמיתם במיתה הכתובה בהם, ממיתם באחת מד' מיתות בית דין, וסבירא ליה לחינוך, דלכך כתב גם ברוצח סתם מות יומת, ללמד דלכל הפחות נמית אותו בחנק, אם אי אפשר להרגו בסייף** - פירוש: די מהר"ם שיק שרייבט א מהלך צו 'אביסל' צו פארענטפערן די קשיא אויף די חינוך. און ער איז מקדים, מיט וואס תוספות אין מסכת מכות איז מחדש, אז אויב איינער איז געווארען מחויב מיט איינער פון די ד' מיתות בית דין, למשל סקילה, אבער למעשה קען מען אים נישט סוקל זיין, איז דער דין, אז מען קען אים הרג'נען אפילו מיט איינער פון די אנדערע מיתות בית דין.

לפי זה זאגט די מהר"ם שיק, אז די חינוך קומט מחדש זיין, אז ביי א רוצח, אפילו זיין מיתה איז 'סייף', אויב עס וועט זיך מאכן א פאל וואס מען גייט אים נישט קענען געבן די מיתה פון סייף, וועט מען נישט קענען געבן פאר רוצח די מיתה פון סקילה אדער שריפה, נאר קודם דארף מען פראבירן צו הרג'נען מיט די מיתה פון 'חנק', און אויב דעס ארבעט אויך נישט, קען מען אים הרג'נען מיט די אנדערע מיתות בית דין. - און אנדערע ווערטער: ביי הלכות רוצח איז דא א חידוש אנדערש ווי אלע אנדערע חייבי מיתות בית דין, ביי אלע חייבי מיתות בית דין אויב מען קען נישט הרג'נען מיט דער מיתה וואס ער איז מחויב, קען מען הרג'נען גלייך מיט איינער פון די אנדערע מיתות בית דין, מה שאין כן ביי רוצח, מיז מען קודם פראבירן צו הרג'נען מיט די מיתה פון חנק, און נאר נאכדעם וואס דעס גייט אויך נישט ארבעטן, קען מען פראבירן די אנדערע מיתות בית דין.

און די טעם פון דעם איז, וויבאלד דא ביי רוצח שטייט די לשון פון 'מוֹת יוּמָת' וואס פשטות מיינט דער לשון די מיתה פון חנק, אזוי ווי די חינוך ברענגט פון די גמרא אין מסכת סנהדרין, וועגן דעם איז ביי רוצח דארף מען געבן די מיתה פון חנק אויב מען קען נישט געבן די מיתה פון סייף.

לסיכום: די תירוץ פון די מהר"ם שיק איז, אז דער חינוך האלט לעולם אז די מיתה פון א רוצח איז די מיתה פון סייף אזוי ווי ער שרייבט אין מצוה לד, און דעם וואס ער שרייבט דא אין מצוה מז, אז די מיתה איז חנק, איז סך הכל א חידוש דין וואס ער לערנט ארויס פון די פסוק 'מַכֵּה אִישׁ וָמֵת מוֹת יוּמָת', אז די מיתה נאך סייף איז חנק.

### פלפול נפלא מה'אמרי דוד' ליישב שיטת החינוך

דער גרויסער גאון וחריף **רבי דוד שליסעל זצ"ל** (בסוף ימיו ראב"ד מונקאטש), און זיין הפלא'דיגע ספר **אמרי דוד וכתר מצות** (מצוה מח) שרייבט א הערליכע הסבר על דרך פלפול צו מבאר זיין די שיטה פון די חינוך, אז א רוצח באקומט די מיתה פון חנק און נישט פון סייף.

און ער איז מקדים די סוגית הגמרא אין **מסכת סנהדרין** (נב, ב): **רוצח מנלן? דתניא,** (שמות כא, כ) **וְכִי יַכֶּה אִישׁ אֶת עַבְדּוֹ אוֹ**

**אֶת אֲמָתוֹ בַּשֵּׁבֶט וּמֵת תַּחַת יָדוֹ "נָקֹם יִנָּקֵם", 'נקימה' זו איני יודע מה היא, כשהוא אומר** (ויקרא כו, כה) **וְהֵבֵאתִי עֲלֵיכֶם חֶרֶב נֹקֶמֶת נְקַם בְּרִית, הוי אומר 'נקימה' זו סייף** - פירוש: די גמרא לערנט ארויס אז ביי אינז אין די פרשה שטייט, אויב איינער הרג'ט זיין עבד, איז דער דין אז 'נקם ינקם', און מען לערנט ארויס פון דעם וואס שטייט אין פרשת בחקתי ביי די תוכחה, אז 'נקמה' איז דארך א סייף, לערנט מען פון דעם ארויס, אז מיתתו של רוצח איז בסייף.

פרעגט די גמרא ווייטער: **אשכחן דקטל עבדא, בר חורין מנא לן** - פירוש: דער פסוק פון 'נקם ינקם', שטייט דאך ביי א 'עבד', איז אפשר דוקא ביי ווען איינער הרג'עט א עבד באקומט ער די מיתה פון הרג, אבער ווען איינער וועט הרג'נען א בר חורין, פון וווי ווייס איך אז די מיתה וואס ער גייט באקומען איז 'הרג'? ענטפערט די גמרא: **ולאו קל וחומר הוא: קטל עבדא - בסייף, בר חורין בחנק** - פירוש: די גמרא זאגט מען לערנט עס ארויס פון א 'קל וחומר'. די סדר פון מיתות בית דין איז, אז די מיתה פון חנק איז די מערסטע 'קל', און נאכדעם קומט די מיתה פון 'הרג' וואס איז א גרעסערער עונש, לפי זה זאגט די גמרא אז מען לערנט ארויס א 'בר חורין' פון א קל וחומר צו 'עבד', מה-דאך ווען איינער הרג'עט א עבד באקומט ער די הארבערע מיתה פון 'הרג', אוודאי וועט דער דין זיין ווען איינער גייט הרג'ענען אבר 'בר חורין' אז ער גייט באקומען די הארבערע מיתה פון 'הרג' און נישט די מיתה הקל פון 'חנק'.

פרעגט ווייטער די גמרא: **הניחא למאן דאמר חנק קל, אלא למאן דאמר חנק חמור - מאי איכא למימר** - פירוש: דעס אז די מיתה פון 'חנק' איז מער קל פון די מיתה פון 'חנק' איז א מחלוקת, און עס איז דא וואס האלטן אז די מיתה פון 'חנק' איז מער 'חמור' פון די מיתה פון 'הרג', איז לויט דער מאן דאמר, פון ווי ווייס איך אז אויב איינער הרג'עט א בר חורין באקומט ער די נישט הארבערע מיתה פון 'הרג', אפשר נאר ווען מען הרג'עט א עבד באקומט מען די מיתה הקל פון הרג, אבער אויב איינער הרג'עט א בר חורין באקומט ער די הארבערע מיתה פון 'חנק'?

ענטפערט די גמרא: **נפקא ליה** - דער מאן דאמר וואס האלט אז 'חנק' איז חמור פן הרג, גייט עס ארויס לערנען, **מדתניא:** עס שטייט אין פסוק ביי די פרשה פון 'עגלה ערופה': (דברים כא, ט) **וְאַתָּה תְּבַעֵר הַדָּם הַנָּקִי מִקִּרְבֶּךָ, הוקשו כל שופכי דמים לעגלה ערופה, מה להלן - בסייף ומן הצואר אף כאן בסייף ומן הצואר** - פירוש: דער מאן דאמר וואס האלט אז מיתת חנק איז חמור, לערנט ארויס אז ווען איינער הרג'עט א בר חורין באקומט ער די מיתה פון 'הרג', פון 'עגלה ערופה'. מיט דעם וואס די תורה האט געשריבן ביי די פרשה פון עגלה ערופה 'וְאַתָּה תְּבַעֵר הַדָּם הַנָּקִי מִקִּרְבֶּךָ', האט די תורה מקיש געוועהן אלע 'שופכי דמים' צו די פרשה פון עגלה ערופה, און פונקט ווי ביי די פרשה פון עגלה ערופה, הרג'עט מען די עגלה ערופה מיט א 'סייף', אזוי אויך אלע רוצחים באקומען די מיתה פון 'סייף', דהיינו, הרג.

לסיכום: האבן אינז צוויי לימודים פון ווי מען לערנט ארויס אז א רוצח באקומט די מיתה פון 'הרג'. למאן דאמר וואס האלט אז 'חנק קל מהרג', לערנט עס ארויס פון די קל וחומר בר חורין צו עבד. ולמאן דאמר וואס האלט אז 'חנק חמור מהרג', לערנט עס ארויס פון עגלה ערופה.

קומט די אמרי דוד און שרייבט: **והנה מקשין הראשונים ז"ל, מנא ליה לתנא דברייתא דהך קרא ואתה תבער הדם וגו' אתי להיקש למימר דבסייף, הא איתא במשנה בסוטה דף מז, שאם נמצא ההורג אחר עריפה העגלה אין פוטרין אותו, ופירש רש"י ז"ל בחומש, שילפינן זה מקרא דואתה תבער הדם הנקי, וכן פירש הרמב"ם שם בפירוש המשניות, וכן פירוש הרב מברטנורא שם, וכן כתב הרמב"ם בפרק י' מהלכות רוצח הלכה ח, שילפינן זה מהפסוק ואתה תבער וגו', יעיי"ש. והוא דרשה דתנא בספרי, יעיין שיטה מקובצת כתובות דף לז, ואם כן איצטרך הך קרא לגופיה, ומנלן לדרוש ההקיש למימר שבסייף, ולסתור הכלל שבכל מקום שנאמר מיתה סתם הוא חנק, יעיין שיטה מקובצת שם** - פירוש: די **ראשונים** (עי' תוספות כתובות לז ב, ד"ה ואח"כ) פרעגן אויף דעם וואס די ברייתא זאגט דא אין מסכת סנהדרין, אז מען לערנט ארויס אז א רוצח אפילו א בר חורין איז מיתתו בהרג, פון די פסוק וְאַתָּה תְּבַעֵר הַדָּם הַנָּקִי מִקִּרְבֶּךָ. עס שטייט אין די משנה אין **מסכת סוטה** (מז, א): **נערפה העגלה ואחר כך נמצא ההורג, הרי זה יהרג** - פירוש: אויב מען טרעפט די רוצח וואס האט גע'הרג'עט דער מת וואס מען האט געטראפן, איז דער דין אפילו מען האט שוין מקיים געוועהן די הלכה פון עגלה ערופה, דהיינו מען האט שוין אפגעהאקט די קאפ פון די עגלה, אפילו אזוי הרג'עט מען די רוצח. און דער דין לערנט מען ארויס פון די פסוק, וְאַתָּה תְּבַעֵר הַדָּם הַנָּקִי מִקִּרְבֶּךָ, אזוי ווי **רש"י** אין חומש שרייבט אויף דער פסוק (דברים כא, ט): **ואתה תבער - מגיד שאם נמצא ההורג אחר שנתערפה העגלה הרי זה יהרג.** ע"כ. און אזוי אויך איז מבאר די **ברטנורא** דער דין (במשנה שם): **ואתה תבער - מגיד שאם נמצא ההורג אחר שנתערפה העגלה הרי זה יהרג.** ע"כ. און די **רמב"ם** ברענגט עס להלכה (הלכות רוצח, פרק י, הלכה ח), וזה לשונו: **ואף על פי שנמצא הרוצח אחר עריפתה הרי זה יהרג שנאמר. ואתה תבער הדם הנקי מקרבך.** ובאמת טרעפט מען שוין דער לימוד בהדיא אין א ירושלמי (סוטה שם) אז מען לערנט ארויס דער דין פון דער פסוק ואתה תבער וכו'.

לפי זה פרעגן די ראשונים, ווי אזוי לערנט מען ארויס פון דער פסוק, אז א רוצח מיתתו בהרג, מען דארף דאך דער

פסוק ארויס צו לערנען נערפה העגלה ואחר כך נמצא ההורג, הרי זה יהרג?

ענטפערן די ראשונים, אז די גמרא דארט אין מסכת סוטה ברענגען א אנדערע לימוד אויף דער דין אזוי ווי עס שטייט דארט (שם מז, ב): **תנו רבנן, מנין שאם נערפה העגלה ואחר כך נמצא ההורג שאין פוטרת אותו, תלמוד לומר** (במדבר לה, לג) **וְלָאָרֶץ לֹא יְכֻפַּר לַדָּם אֲשֶׁר שֻׁפַּךְ בָּהּ כִּי אִם בְּדַם שֹׁפְכוֹ**, און לפי זה, בלייבט מען איבער מיט די פסוק וְאַתָּה תְּבַעֵר הַדָּם הַנָּקִי מִקִּרְבֶּךָ ארויס צו לערנען אז א רוצח באקומט די מיתה פון הרג, און נישט חנק.

איז די אמרי דוד ממשיך און שרייבט, אז בעצם איז דער פסוק פון וְלָאָרֶץ לֹא יְכֻפַּר לַדָּם אֲשֶׁר שֻׁפַּךְ בָּהּ כִּי אִם בְּדַם שֹׁפְכוֹ נישט איבריג צו ארויס לערנען אז נמצא הרוצח אחר עריפתה הרי זה יהרג, ווייל רבא זאגט אין מסכת כריתות (כו, א) אז מען לערנט ארויס אז 'עגלה ערופה שעבר עליה יום הכיפורים תיערף', פון דער פסוק וְלָאָרֶץ לֹא יְכֻפַּר לַדָּם אֲשֶׁר שֻׁפַּךְ בָּהּ כִּי אִם בְּדַם שֹׁפְכוֹ, דהיינו, די גמרא דארט פרעגט לשיטת רבי אלעזר וואס זאגט אז יום כיפור איז מכפר אויף אלע חטאים, אפילו אויף אזעלכע חטאים וואס נאר די אייבישטער ווייסט אז מען האט געטוהן, וואלט לכאורה געדארפט זיין די הלכה אז 'עגלה ערופה שעבר עליה יום הכיפורים', זאל מען נישט דארפן ממשיך זיין מיט די עבודה און אפהאקען די קאפ, ווייל די אייבישטער ווייסט דאך ווער די רוצח איז, און איז אים מכפר? און למעשה ווייסן אינז אז די הלכה איז אז מען איז יא מחויב צו ברענגען א עגלה ערופה אפילו עס איז אריבער יום כיפור? זאגט דארט רבא, אז מען לערנט ארויס פון דער פסוק 'וְלָאָרֶץ לֹא יְכֻפַּר לַדָּם וגו' אז אפילו יום כיפור איז נישט מכפר אויף דער חטא, און מען דארף נאך אלץ ברענגען די עגלה ערופה אפילו נאך יום כיפור. און די **רמב"ם** פסק'נט אזוי להלכה, אזוי ווי ער שרייבט אין הלכות רוצח פרק י, הלכה י: **אנשי עיר קרובה שנתאחרו ולא הביאו עגלה ערופה כופין אותן ומביאין ואפילו לאחר כמה שנים, שחייבי עגלה ערופה שעבר עליהן יום הכפורים חייבים להביא אחר יום הכפורים.**

איז לפי זה קומט אויס, אז דער פסוק 'וְלָאָרֶץ לֹא יְכֻפַּר לַדָּם אֲשֶׁר שֻׁפַּךְ בָּהּ כִּי אִם בְּדַם שֹׁפְכוֹ', דארף מען צו ארויסלערנען די הלכה פון רבא אז 'עגלה ערופה שעבר עליה יום הכיפורים תיערף', איז על כרחך דארף מען די פסוק פון 'וְאַתָּה תְּבַעֵר הַדָּם הַנָּקִי מִקִּרְבֶּךָ' ארויס צולערנען דער דין פון 'נערפה העגלה ואחר כך נמצא ההורג, הרי זה יהרג', און אויב אזוי האט מען נישט די לימוד פון מסכת סנהדרין נב, ב 'וְאַתָּה תְּבַעֵר הַדָּם הַנָּקִי מִקִּרְבֶּךָ', הוקשו כל שופכי דמים לעגלה ערופה', איז לפי דער מאן דאמר האט מען נישט קיין לימוד א א רוצח איז מיתתו בהרג, נאר מען וועט זאגן אז אזוי ווי עס שטייט אין די תורה סתם 'מַכֵּה אִישׁ וָמֵת מוֹת יוּמָת', און סתם מיתה אין די גאנצע תורה איז דאך 'חנק', וועט א רוצח באקומען 'חנק', און נישט 'הרג' - אזוי ווי די חינוך שרייבט.

קומט די אמרי דוד און שרייבט ווייטער, אז לכאורה איז דאך דא א צעווייטע לימוד אז א רוצח באקומט 'הרג', און דעם איז דער קל וחומר וואס די גמרא מאכט פון 'עבד'. שרייבט ער ברוב חריפתו אז די חינוך וועט גיין לשיטתו, און לויט אים וועט נישט שטומען דער לימוד פון דער קל וחומר.

און ער איז מקדים מיט א שטארקע קשיא וואס די **מרגניתא טבא** (על ספר המצות להרמב"ם שורש שני אות כו) פרעגט אויף דער מאן דאמר וואס זאגט אז מען לערנט ארויס אז א רוצח בר חורין איז מיתתו בהרג. די כלל איז דאך אז 'אין עונשין מן הדין', דהיינו אפילו מען לערנט ארויס אז א זאך איז אסור מכח א 'קל וחומר', אפילו אזוי האט נישט דער קל וחומר די כח, צו געבען די עונש וואס דער 'קל' האט צו די 'חומר', און אויב אזוי איז שווער ווי אזוי קען מען ארויס לערנען פון א קל וחומר צו געבן פאר א בר חורין די מיתה פון 'הרג', די הלכה איז דאך אז אין עונשין מן הדין?

ענטפערט די מרגניתא טבא בהקדם מיט א גמרא אין מסכת סנהדרין (עו, א) ווי עס שטייט אזוי: **בתו מאנוסתו מנין** - פירוש: אין די משנה דארט שטייט אז אויב איינער האט חתונה מיט זיין טאכטער פון זיין אנוסה, דהיינו ער האט מְאַנֵּס געווען א פרוי און שלא בדרך קידושין געהאט א קינד מיט איר, און דער קינד האט ער מאנס געווען, באקומט ער די עונש פון 'שריפה', פרעגט די גמרא פון ווי לערנט מען ארויס דער דין? ברענגט די גמרא א מחלוקת אמוראים, פון ווי מען לערנט עס ארויס: **האמר אביי: קל וחומר, על בת בתו ענוש, על בתו לא כל שכן** - פירוש: אביי זאגט אז מען לערנט עס ארויס פון א קל וחומר פון 'בת בתו'.

ביי 'בת בתו' איז דא א לימוד (גמרא שם, דף עה, א) ווי מען לערנט ארויס אז די עונש אויף דעם איז שריפה, און מען מאכט א קל וחומר פון 'בת בתו' צו 'בתו', מה-דאך בת בתו באקומט מען שריפה אוודאי ביי 'בתו' באקומט מען שריפה.

קומט די גמרא אין פרעגט גלייך: **וכי עונשין מן הדין** - ווי אזוי קען מען מחייב זיין איינער וואס האט חתונה מיט 'בתו מאנסתו' בשריפה, די גאנצע טעם איז דאך פון א קל וחומר, און די כלל איז דאך אז 'אין עונשין מן הדין'? ענטפערט די גמרא: **גלויי מילתא בעלמא הוא** - פירוש: אביי האלט אז דעם צו מחייב זיין 'בתו באנסתו' בשריפה גייט נישט אריין בגדר 'אין עונשין מן הדין', ווייל מען זאגט אז עס איז א 'גלוי מילתא', דהיינו מען זאגט אז 'בת בתו' קומט דאך מכח 'בתו', און פונקט ווי איך זעה אז 'בת בתו' איז בשריפה, איז אזוי אויך ביי 'בתו באנסתו' בשריפה.

קומט די גמרא און ברענגט אראפ די תירוץ פון רבא אויף דער קשיא: **רבא אמר** - רבא קומט און ענטפערט א אנדערע תירוץ: **אמר לי רבי יצחק בר אבדימי: אתיא הנה, הנה, אתיא זמה, זמה** [און צו אריינגיין באריכות צו מסביר זיין די לימוד פון רבא] איז רבא מבאר אז מען האט א אנדערע לימוד פון ווי מען לערנט ארויס אז בתו מאנוסתו איז בשריפה.

איז די מרגניתא טבא מסביר, אז בעצם איז דא דא א שורש'דיגע מחלוקת צווישען אביי און רבא, אביי האלט, אז עס איז דא אופנים וואס מען קען זיך פארלאזען אויף א קל וחומר, דהיינו ביי א אופן ווען עס איז א גילוי מילתא בעלמא, און רבא האלט, אז אייביג גייט מען זאגן 'אין עונשין מן הדין', און אפילו ביי א אופן וואס עס איז נאר א גילוי מילתא בעלמא, וועגן דעם ברענגט רבא א נייער לימוד פון ווי מען זעהט אז בתו באנסתו איז בשריפה.

לפי זה זאגט די אמרי דוד, אז די מאן דאמר אין סנהדרין וואס לערנט ארויס אז א רוצח באקומט מיתת הרג פון א קל וחומר, גייט נאר לשיטת אביי, וואס האלט אז עס איז דא אופנים וואס מען זאגט נישט די כלל פון 'אין עונשין מן הדין', און דא ביי רוצח, וועט זיין גענוג וואס עס שטייט ביי ווען איינער הרג'עט א עבד אז מיתתו איז בהרג, צו 'מגלה' זיין מכח קל וחומר אז דער 'מות יומת' וואס שטייט סתם ביי רוצח מיינט נישט 'חנק' נאר 'הרג'. אבער לשיטת רבא, וואס האלט אז מען זאגט אייביג 'אין עונשין מן הדין', וועט מען נישט קענען זאגן די קל וחומר צו מחייב זיין א רוצח בר חורין מיט מיתת הרג.

לסיכום ווי מען האלט ביז דא: די לימוד פון די גמרא צו מחייב זיין א רוצח מיט מיתת הרג פון די פסוק 'וְאַתָּה תְּבַעֵר הַדָּם הַנָּקִי מִקִּרְבֶּךָ' איז אפגעפרעגט, ווייל אינז פסק'נען אז 'עגלה ערופה שעבר עליה יום הכיפורים תיערף'.

און די לימוד פון 'קל וחומר', גייט נאר שטימען לויט שיטת אביי, אבער לשיטת רבא וועט מען נישט קענען ארויסלערנען פון די קל וחומר.

לפי זה פיהרט די אמרי דוד אויס זיין הפלא'דיגע תירוץ צו מיישב זיין די שיטה פון די חינוך, וזה לשונו: **ואם כן לפי זה מה מאוד מיושב דברי החינוך שפסק דרוצח בחנק, דלפי ההלכתא לית לן ילפותא שיהיה בסייף, דהא החינוך בעצמו פסק כרבא בסנהדרין דף עו, דילפינן מהנה, ולא מקל וחומר, משום דאין עונשין מן הדין, כמו שכתב בפירש כן במצוה קצה יעיין שם, ואם כן ממילא ליתא לפי ההלכתא הלימוד מקל וחומר מעבד כנ"ל, ומן ההיקש נמי לית לן לפי ההלכתא למילף שהוא בסייף, וכמו שכתבתי למעלה, וממילא לפי ההלכתא נדחה המשנה דרוצח בחנק, ועל כן שפיר פסק החינוך דרוצח בחנק** - פירוש: די חינוך אין מצוה קצה 'של לגלות ערות הבת' שרייבט אזוי: **שלא לגלות ערות הבת, וזאת לא נתבארה בלשון התורה שיאמר הכתוב ערות בתך לא תגלה, ומפני כן לא בא עליה כתוב מפורש לפי שאין צורך בו, דכיון שאסרה התורה בת הבן ובת הבת שהן רחוקות ממנה, אין צריך לומר שהיא אסורה דקל וחומר הוא. ועוד למדוה זכרונם לברכה בגזירה שוה, דאי מקל וחומר גרידא הוה ילפינן לה לא היה אדם נידון עליה, דקיימא לן אין עונשים מן הדין. דיני מצוה זו, כלומר איך למדוה זכרונם לברכה, ומאי זה כתוב, בגמרא יבמות** (ג, א) **הוא, שאמרו שם בתו עיקר איסורא מדרשא אתיא, דאמר רבא אמר לי רב יצחק בר אבדימי אתיא הנה הנה, אתיא זמה זמה, כלומר שהכתוב אמר בבת הבן ובבת הבת ערותך הנה, ואמר באיסור אשה ובתה ובת בנה ובת בתה לשון הנה, כמו שכתוב בסוף הפרשה** (ויקרא י"ח, י"ז) **שארה הנה, מה להלן מפורש שנאסרה בתה, שהרי בפירוש נכתבה שם, אף כאן שאסר הכתוב בת בנו הוא הדין לבתו, אף על פי שלא פירשה הכתוב, דגמרינן לה בגזירה שוה זו.**

על כל פנים איז מבואר להדיא אין די ווערטער פון די חינוך, אז ער האלט קלאר נישט ווי אביי, אז מען לערנט ארויס מיתתו בשריפה פון א קל וחומר, נאר מען לערנט עס ארויס פון די לימוד פון 'רבא', איז על כרחך האט די חינוך געהאלטן אז מען זאגט אייביג די כלל פון 'אין עונשין מן הדין', און אויב אזוי קען מען נישט ארויס לערנען פון א קל וחומר, אז אפילו א רוצח וואס הרג'עט א בר חורין איז מיתתו 'בהרג', איז על כרחך גייט מען צוריק צו די פשוטע כלל אין די גאנצע תורה, אז ווי עס שטייט סתם 'מות יומת', איז די כונה צו די מיתה פון 'חנק' און נישט די מיתה פון 'הרג', איז וועגן דעם שרייבט די חינוך: **"וזו של מכה איש אחת מהן שמיתתן בחנק, שהרי כתוב בו מות יומת, ובפירוש אמרו זכרונם לברכה** (סנהדרין דף נ"ב ע"ב) **כל מיתה האמורה בתורה סתם אינה אלא חנק".**

וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹהֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם!